



# פרשת האזינו

## בס"ד. משיחת וא"ו תשרי ה'תשל"ג

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

אויף עשרת ימי תשובה, ובפרט אויף די ימים שבין ר"ה ליוהכ"פ, זיינען זיי דאך אויסגעטיילט פון ימי כל השנה כולה, אפילו די ימים שבין ר"ה ליוהכ"פ (די זיבן טעג),

איז דאך דא אויף דערויף כמה ביאורים בכמה ספרים, סיי אין נגלה, סיי אין נסתר – אין פנימיות התורה, וועגן דעם ענין פון ימים אלו.

וואס איינער פון די ביאורים איז, וואס ווערט געבראכט אין סידור האריז"ל, אז "איתא אין ראשית חכמה בשם הרמ"ק", און ער מסיים אז אזוי שרייבט אויך רבינו יונה ז"ל, אז דער ענין פון די ימים שבין ר"ה ליוהכ"פ, זיינען זיי (ווי ער זאגט דארטן) אז זיי זיינען אזוי ווי חול המועד.

במילא, דארף מען זיך ניט פארנעמען מיט מלאכה – ער זאגט דארטן נאך א שארפערען ווארט וועגן דעם – נאר ער דארף זיך פארנעמען מיט תורה, און מיט התבודדות, מיט מצוות ותשובה, וכו'.

ס'איז דאך מדובר כמה פעמים, אז ס'שטייט א ענין בכלל אין תורה שבע"פ איז ער מדוייק אויך אין די פרטים, עאכו"כ אז ס'שטייט א מסקנה פון א ענין, איז דאך די מסקנא מער מדוייק ווי דער שקו"ט, עאכו"כ אז דאס שטייט אין א סידור.

אויב ער וואלט געוואלט מערניט ווי ארויסברענגען אז דעמאלט דארף ניט זיין דער ענין פון מלאכה, און ס'דארף זיין התבודדות און תורה ותפילה וכו', האט ער געקענט שטעלן מערניט ווי די ווערטער. ער איז אבער מוסיף – בתור הקדמה – אז דאס איז אזוי ווי חול המועד.

וואס בא חול המועד – איז דאס וואס ער איז ניט שייך צו מלאכה, ובמילא איז ער מערער שייך - נוסף אויף דעם חיוב בתורה ומצות ותפלה כל הימים איז מער דא דער חיוב בחוה"מ – איז דאס גאר א מסובב פון דעם ענין וואס חוה"מ איז:

אז אזוי ווי חוה"מ איז א טייל פון יו"ט, נאר דער טייל פון יו"ט וואס ער איז ניט אזוי הארב אין איסור מלאכה, אבער א טייל פון יו"ט איז ער דאך.

עפי"ז קומט ארויס א חידוש נפלא: לויט אט די פאר שורות, אז דער ענין פון די ימים שבין ר"ה ויוהכ"פ – איז דאס בדוגמא ווי חוה"מ, וואס אזוי ווי חוה"מ האט בתחלתו א "יום טוב" לגמרי, בתכלית, בשלימות, ובסופו קומט אויך א "יום טוב" בשלימות,

אט אזוי איז די שבעה ימים האבן זיך פאר זיי די ימי "ראש השנה", וואס ווי ער זאגט אויף דערויף אין נחמי' – אין עזרא – איז "חדות ה' היא מעוזכם" אויף ימי ראש השנה, ועד"ז איז דערפון פארשטאנדיק אויך בהנוגע צו יום הכיפורים, איז די ימים שבינתיים איז דאס בדוגמא פון ימי חוה"מ.

במילא קומט דערפון ארויס דער מסובב – דער שלילת המלאכה, און א ריבוי און א הוספה בתורה והתבודדות וכו'.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת האזינו

וואס אט דאס גיט א הסברה אויף א דבר וואס לכאו׳, במבט ראשון, איז דאס ניט פארשטאנדיק: אז וויבאלד אז מ׳זאגט אז בר״ה דארף מען ניט דערמאנען קיין ענינים פון חטא וכו׳ וכו׳, פארוואס? איז דער טעם בפשטות – דערפאר וואס דאס איז א טאג וואס מען מאכט ״שהחיינו״ און ״יש בו שמחה״, ווי געזאגט פריער ״חדות ה׳ היא מעוזכם״, ווי ער איז מבאר אין לקו״ת ״וגילו ברעדה״, אז ס׳מוז זיין דער ענין פון ״גילו״, ס׳איז אבער צוגעדעקט מיטן ענין פון ״רעדה״, אבער בפנימיות איז דאס א ענין פון ״גילו״.

וויבאלד אבער אז מען מאנט בא א  אידן, אז ער שטייט בר״ה זאל ער זיין אין אן אופן פון ״גילו״, און ער זאל ניט נעמען אין באטראכט די אלע ענינים וואס זיי זיינען היפך הרצון – דער חטא וכו׳, איז דאך לכאו׳, דאס מאנט דאך ביי אים תורת אמת, איז ווי קען מען בא אים מאנען, אז ער זאל האבן, לאמיתתו, אזא מצב רוח?

איז איינער פון די ביאורים בזה: אז וויבאלד אז ס׳איז געווען די הכנה פון דעם ״ובכתה את אבי׳ ואת אמה ירח ימים״, וואס ווי דער אריז״ל טייטשט דאס אפ, און ווערט אראפגעבראכט אין לקו״ת – גייט דאס אויף חודש אלול שלפנ״ז.

וואס פון ראש חודש אלול אָן, איז דאך דאס א זכרון צו די מ׳ ימים שלשיים פון משה רבינו, וואס זיי זיינען געווען – ״מה ראשונים ברצון אף אחרונים ברצון״, איז דורך דער עבודה פון חודש אלול ווערט אראפגעווישט כל הענינים פון חטא וכו׳ וכו׳.

במילא ער האט ניט וואס צו זאגן חטא וכו׳, ווארום דאס איז שוין ערב ראש השנה פאר נאכט איז דאס אינגאנצען נמחל ביז אינגאנצן בשלימות, בתכלית המחילה והסליחה וכפרה.

עפי״ז איז אויך פארשטאנדיקער, פארוואס ס׳קען זיין אפילו אין ימי חול, ״שבין ר״ה ליוהכ״פ״, זאגט מען אויף זיי אז דאס איז ימי פון חוה״מ, וואס ימי חוה״מ איז אויך שמחה, עכ״פ ווי די שמחה בימי ראש השנה, דערפאר וואס די ענינים בלתי רצויים האט דער אויבערשטער סולח געווען און מוחל געווען און מכפר געווען ערב ראש השנה פארנאכט, אז ס׳״תכלה שנה״, מיט אלע ענינים בלתי רצויים, ״ותחל שנה וברכותי׳״.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.